בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון



פאר'ן שבת טיש


פרשת וארא
כה טבת
מברכים חודש שבט
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 14
(66)


ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיְחִי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ.

## אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער אֱמֶת'ֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס אִיז פַארְטוּיִשְׁט גֶעוָוארְן, אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין וַואלְד, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט נָאכְגֶעיָאגְט דִי בְּהֵמוֹת וָואס זֶענֶען אַנְטְלָאפְן. בַּיינַאכְט הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דָאס קוֹל וָואס דִי חַיּוֹת בְּרוּמֶען, אִיז עֶר אַרוּיף אוֹיף אַ בּוֹים, הָאט עֶר דָארְט גֶעטְרָאפְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין וַואלְד דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט נָאכְגֶעיָאגְט זַיין פֶערְד וָואס אִיז אַנְטְלָאפְן, הָאבְן זֵיי אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז זֵיי וֶועלְן בְּלַייבְן חֲבֵרִים אֲפִילוּ וֶוען זֵיי וֶועלְן צוּרִיק אָנְקוּמֶען צוּם יִשּׁוּב.

אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט דֶער אֱמֶת'ֶער בֶּן מֶלֶךְ גֶעטְרָאפְן אַ פֶּעקְל בְּרוֹיט, הָאט עֶר עֶס גֶענוּמֶען צוּ זִיךְ, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דִי פֶערְד הָאט גֶעזֶען דִי בְּרוֹיט הָאט עֶר זִיךְ גֶעבֶּעטְן מִיט גֶעוֵויין: "בְּרוּדֶער, עֶס אִיז שׁוֹין עֶטְלִיכֶע טֶעג וָואס אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעגֶעסְן, גֶעבּ מִיר בְּרוֹיט", הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס וֶועסְטוּ מִיר גֶעבְּן דֶערְפַאר, דָא אִין מִדְבָּר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אֲפִילוּ גָאלְד אוּן זִילְבֶּער זֶענֶען דָא גָארְנִישְׁט וֶוערְד", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אִיךְ וֶועל זִיךְ פַארְקוֹיפְן פַאר דִיר אַלְס קְנֶעכְט", הָאט זִיךְ דֶער אֱמֶת'ֶער בֶּן מֶלֶךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "צוּ קוֹיפְן אַ קְנֶעכְט אִין מִדְבָּר - דָאס לוֹינְט זִיךְ", הָאט עֶר אִים בַּאשְׁוואוּירְן מִיט אַ שְׁבוּעָה עֶר זָאל וֶוערְן זַיין אֵייבִּיגֶער קְנֶעכְט, אֲפִילוּ וֶוען זֵיי וֶועלְן אָנְקוּמֶען צוּרִיק אִין יִשּׁוּב, אוּן זֵיי הָאבְן זִיךְ בֵּיידֶע גֶעטֵיילְט מִיט דָאס בְּרוֹיט.

דָארְט אִין וַואלְד הָאבְן זֵיי גֶעטְרָאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד, דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק, הָאט עֶר זֵיי אַרִיבֶּער גֶעפִירְט אַלֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע פְּלֶעצֶער, דִי שְׁלֶענְג אוּן עֶגְדִיסְן, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעוִויזְן זַיין הוֹיז וָואס שְׁטֵייט אִין דִי לוּפְט, עֶר הָאט זֵיי אַרַיין גֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב, אוּן הָאט זֵיי גֶעגֶעבְן צוּ עֶסְן אוּן צוּ טְרִינְקֶען.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

אוּן דֶער (דְהַיְינוּ דֶער אֱמֶתִּיר בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט דִי בְּהֵמוֹת גִיטְרִיבִּין) הָאט זִיךְ גִישַׁאפְט מִיט זַיין קְנֶעכְט. וָואס עֶר הָאט גִידַארְפְט. הָאט עֶס דֶעם קְנֶעכְט זֵייעֶר פַארְדְרָאסִין. וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְקוֹיפְט פַאר אַ קְנֶעכְט פוּן אֵיין שָׁעָה וֶועגִין וָואס עֶר הָאט בַּאדַארְפְט בְּרוֹיט צוּ עֶסִין. וָוארִין הַיינְט הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין וָואס צוּ עֶסִין. אוּן נָאר פוּן אֵיין שָׁעָה וֶועגִין זָאל עֶר זַיין אֵיין אֵייבִּיגֶער קְנֶעכְט.

## דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט אַרַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת

דֶער שֵׂכֶל הָאט עֶר יֶעצְט בַּאקוּמֶען. פַארְדֶעם אִיז אִים גֶעוֶוען אַ דָבָר פָּשׁוּט זִיךְ צוּ פַארְקוֹיפְן אַלְס אַ קְנֶעכְט פַאר זַיין עֶסְן, פַאר אַ פַּרְנָסָה, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד, דֶער צַדִּיק, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן "אִיךְ בִּין מְשׁוּגָּע גֶעוָוארְן? אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן יֶענֶעמְ'ס אַן עֶבֶד צוּלִיבּ אַבִּיסְל בְּרוֹיט? פַּרְנָסָה גֶעבְּט דָאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער!" דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַזַא יִשּׁוּב הַדַּעַת עֶר זָאל אַלֵיינְס אָנְהוֹיבְּן טְרַאכְטְן: "פַארְוָואס זָאל אִיךְ זִיךְ פַארְקוֹיפְן פַאר אַ צְוֵוייטְן, וֶוערְן יֶענֶעמְ'ס עֶבֶד, צוּלִיבּ אַ פַּרְנָסָה? פַּרְנָסָה גֶעבְּט דָאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער!"

אוּן עֶר הָאט אַ גְרוֹיסְן זִיפְץ גִיטָאן. צוּ וָואס אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען. אַז אִיךְ זָאל זַיין אֵיין קְנֶעכְט. הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט (דְהַיְינוּ דֶער אֱמֶתִּיר בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז זַיין הַאר גִיוֶוען הָאט אִים גִיפְרֶעגְט) וָואס פַאר אַ גְדוּלָּה הָאסְטוּ עֶס גִיהַאט. אַז דוּ זִיפְצְט. וָואס דוּ בִּיסְט דֶערְצוּ גִיקוּמֶען. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט אוּן הָאט אִים דֶערְצֵיילְט. כַּאֲשֶׁר עֶר אִיז גִיוֶוען אֵיין מֶלֶךְ. הָאט מֶען אוֹיף אִים גִיזָאגְט. אַז עֶר אִיז פַארְבִּיטִין גִיוָוארִין וְכוּ' כַּנַּ"ל. (וָוארִין דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד דָאס אִיז טַאקֶע גִיוֶוען דֶער מֶלֶךְ אַלֵיין וָואס צוּם אֱמֶת אִיז עֶר גִיוֶוען דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה) הָאט עֶר פַארְטְרִיבִּין זַיין חָבֵר (דְהַיְינוּ דֶעם אֱמֶתִּין בֶּן מֶלֶךְ) אַמָאל אִיז אִים גִיקוּמֶען אוֹיף דֶער דֵיעָה אַז עֶר הָאט נִיט רֶעכְט גִיטָאן. אוּן עֶר הָאט חֲרָטָה גִיהַאט וְכוּ'. פְּלֶעגְט אִים קוּמֶען אִין זִין אַלְץ חֲרָטוֹת תָּמִיד אוֹיף דֶעם מַעֲשֶׂה רַע אוּן אוֹיף דֶער גְרוֹיסֶער עַוְולָה וָואס עֶר הָאט אַקֶעגִין זַיין חָבֵר גִיטָאן.

אַמָאל הָאט זִיךְ אִים גִיחָלֶמְט אַז זַיין תִּיקוּן אִיז. אַז עֶר זָאל אַוֶועק וַוארְפִין דִי מְלוּכָה. אוּן עֶר זָאל גֵיין וִוי הִין דִי אוֹיגִין וֶועלִין אִים טְרָאגִין. אוּן דֶערְמִיט וֶועט עֶר פַאר רֶעכְטִין זַיין חֵטְא. הָאט עֶר דָאס נִיט גִיוָואלְט טָאן. נָאר סֶע פְּלֶעגִין אִים מְבַלְבֵּל זַיין תָּמִיד דִי דָאזִיגֶע חֲלוֹמוֹת. אַז עֶר זָאל אַזוֹי טָאן. בִּיז סֶע אִיז בַּיי אִים גִיבְּלִיבְּן אִין דֶער דֵיעָה אַז עֶר זָאל אַזוֹי טָאן. אוּן עֶר הָאט אַוֶועק גִיוָוארְפִין דִי מְלוּכָה. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען וִוי עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען בִּיז עֶר אִיז אַהֶער גִיקוּמֶען. אוּן הַיינְט זָאל עֶר זַיין אַ קְנֶעכְט. אוּן דֶער הֶערְט דָאס אַלְץ אוּן שְׁוַוייגְט (דְהַיְינוּ דֶער אֱמֶתִּיר בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט גִיטְרִיבְּן בְּהֵמוֹת. הָאט דָאס אַלְץ אוֹיס גִיהֶערְט וָואס דֶער דֶערְצֵיילְט אִים אַלְץ) אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט. אִיךְ וֶועל שׁוֹין וִויסִין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירִין מִיט דִיר.

## אִיךְ וֶועל אָפְּשְׁנַיידְן דַיין קָאפּ!

דֶער אֱמֶת'ֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט דָא גֶעטְרָאפְן דֶעם אֱמֶת'ֶער בֶּן

הַשִּׂפְחָה, וָואס עֶר הָאט אִים אָפְּגֶעטוּן דִי אַלֶע צָרוֹת. דֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואלְט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן: ״דוּ הָאסְט יֶעצְט אַלֵיינְס מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז אַלֶעס וָואס אִיךְ לַייד, אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶן דָא אִין וַואלְד אָפְּהִיטְן דִי בְּהֵמוֹת - אִיז נָאר וֶועגְן דִיר, וֶועל אִיךְ דִיךְ הַרְגֶ׳עֶנֶען, אִיךְ וֶועל אָפְּשְׁנַיידְן דַיין קָאפּ!״ אָבֶער עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעטוּן, זֶעעֶנְדִיג קְלָאר דֶעם יַד הַשֵּׁם, וִוי אַלֶעס אִיז גֶעקוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס אַזוֹי צוּגֶעפִירְט, דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער יֶעצְט גֶעמַאכְט עֶר זָאל וֶוערְן זַיינְס אַ קְנֶעכְט.

## סוֹד הַגִלְגוּל

און דָא זֶעט מֶען דֶעם סוֹד הַגִלְגוּל, דֶער סוֹד פוּנֶעם בְּרִיאָה; אַ מֶענְטְשׁ הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט קוּמֶען אַהֶער?״ ״פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט קוּמֶען אַהִין?״ ״פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה?״ ״פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער?״** אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶעס אַרוּם וָואס דְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַ מֶענְטְשׁ, דַארְף עֶר וִויסְן אַז אַלֶעס הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט דָא אִין דִי מַעֲשֶׂה, דֶער בֶּן הַשִּׂפְחָה הָאט פַארְטְרִיבְּן דֶעם אֶמֶת׳עֶר בֶּן מֶלֶךְ, דַארְף עֶר בַּאקוּמֶען זַיין תִּיקוּן אַז עֶר זָאל וֶוערְן פַארְקְנֶעכְטֶעט פַארְ׳ן בֶּן מֶלֶךְ. עֶר וֵוייסְט דָאס נָאכְנִישְׁט, עֶר וֵוייסְט נָאכְנִישְׁט וֶוער זַיין הַאר אִיז, דֶערְפַאר זִיפֶעצְט עֶר, וִוי גְרוֹיס עֶר אִיז גֶעוֶוען און הַיינְט דַארְף עֶר זַיין אַ קְנֶעכְט... אֵיי, בִּיסְט דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען גְרוֹיס, דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ בֶּן הַשִּׂפְחָה, דוּ הָאסְט פַארְטְרִיבְּן אַ מֶענְטְשׁ, דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט רִשְׁעוּת פַאר אַ צְוֵוייטְן, דוּ הָאסְט מְצַעֵר גֶעוֶוען און אָנְגֶעמַאכְט שְׁפִּיצְלֶעך פַאר דַיין אֶמֶת׳עֶר טַאטֶע, דֶערְפַאר דַארְפְסְטוּ יֶעצְט זַיין אַ קְנֶעכְט, יֶעצְט וֶועט מֶען שַׁאפְן אוֹיף דִיר.

## אַלֶעס אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן

דָאס אִיז מוֹרָא׳דִיגֶע חִיזוּק פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אַ מֶענְטְשׁ הָאט טַעֲנוֹת און קַשְׁיוֹת, **״פַארְוָואס דַארְף אִיךְ דָא וואוֹינֶען?״ ״פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט הָאבְּן פַּרְנָסָה?״ ״פַארְוָואס גֵיי אִיךְ דָאס אַרִיבֶּער פוּן מַיין וַוייבּ און קִינְדֶער?״** יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט, אַלֶעס אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

## אֶפְשָׁר בִּיסְטוּ גֶעוֶוען אַן עוֹשֶׁר

וָואס וֵוייסְטוּ רָזֵי הַגִלְגוּל? אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם **הַיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה** און אַזוֹי גֶעוֵויינְט, הָאבְּנְדִיג קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים גֶעזָאגְט: ״וָואס וֵוייסְטוּ וָואס דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אִין פְרִיעֶרְדִיגְן גִלְגוּל, אֶפְשָׁר בִּיסְטוּ דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַן עוֹשֶׁר און נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין צְדָקָה, דֶערְפַאר בִּיסְטוּ נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ בִּיסְט נָאכְאַמָאל מְגוּלְגָל גֶעוָוארְן כְּדֵי דָאס צוּ מְתַקֵן זַיין, דֶערְפַאר דַארְפְסְטוּ דוּרְכְגֵיין אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע עֲנִיוּת וְדַחְקוּת״.

## אֶפְשָׁר הָאסְטוּ זֵיי מְצַעֵר גֶעוֶוען

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט עֶר הָאט יִסוּרִים פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, זַיינֶע קִינְדֶער צַאפְּן אִים אוֹיס דָאס בְּלוּט, וָואס וֵוייסְטוּ וָואס דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אִין פְרִיעֶרְדִיגְן גִלְגוּל? אֶפְשָׁר הָאסְטוּ אִינֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן גִלְגוּל גֶע׳הַרְגֶ׳עט דַיין טַאטֶע מַאמֶע, אֶפְשָׁר הָאסְטוּ זֵיי מְצַעֵר גֶעוֶוען מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס רִשְׁעוּת, הָאסְט אוֹיסְגֶעזוֹיגְן זֵייעֶר בְּלוּט, וֶועגְן דֶעם דַארְפְסְטוּ דָאס אַרִיבֶּערְגֵיין, אַז יֶעצְט זָאלְן דַיינֶע קִינְדֶער דָאס טוּן מִיט דִיר.

## נִישְׁט דָא קַיין קַשְׁיוֹת

אַזוֹי אִיז מִיט יֶעדֶע זַאךְ, אַ מֶענְטְשׁ הָאט קַשְׁיוֹת: **״פַארְוָואס דַארְף אִיךְ זִיךְ מוּטְשֶׁען?״ ״פַארְוָואס דַארְף אִיךְ דָאס דוּרְכְגֵיין?״** דַארְף עֶר וִויסְן, אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט דָא קַיין קַשְׁיוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט זֵייעֶר שֵׁיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט פּוּנְקְטְלִיךְ בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט, וִוי אַזוֹי עֶס דַארְף צוּ זַיין, און אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז נָאר גוּט. אַוַודַאי קֶען אַ מֶענְטְשׁ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אִים וֶוערְן גְרִינְגֶער, מֶען קֶען בֶּעטְן און נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## וָואס גֵייט זַיין אִין עוֹלָם הַבָּא?

וָואס אִיז שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא? וָואס גֵייט זַיין אִין עוֹלָם הַבָּא? זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ב), ׳שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא׳ - אִיז דָאס וָואס צַדִיקִים זִיצְן נֶעבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און לוֹיבְּן און דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז טַאקֶע שַׁעֲשׁוּעַ ׳עוֹלָם הַבָּא׳, אָבֶער דֶער רֶבִּי וִויל דָאס שׁוֹין אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז, לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, וָואס מִיר זֶענֶען אִין עוֹלָם הַזֶה; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען נִישְׁט זִיצְן און קְרֶעכְצְן נָאר דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## וֶועם זָאל אִיךְ רוּפְן?...

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מַיין גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז אִינְגֶעדְרֵיים מִיט הִיץ; אִיךְ דַארְף טַאקֶע זֶען וֶועם צוּ רוּפְן, אַ צְוֵוייטֶער וָואס זַיינֶע קִינְדֶער שְׁפִּירְן זִיךְ נִישְׁט גוּט - רוּפְט עֶר גְלַייךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וֶועם זָאל אִיךְ רוּפְן?... נָאר וָואס טוּ אִיךְ? אִיךְ זָאג פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, יֶעצְט פִילְן זֵיי נִישְׁט גוּט, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵיי זָאלְן זִיךְ גוּט פִילְן״.**

## נִישְׁט הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַוַודַאי דַארְף מֶען אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָבֶער מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״פַארְוָואס דָאס״? ״פַארְוָואס יֶענְץ״?

## אִיךְ וֶועל נָאךְ אַהֵיים גֵיין פַאר שַׁבָּת

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אַ אִינְגֶערְמַאן:** דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע נֵס, דוּ דַארְפְסְט ׳גוֹמֵל׳ בֶּענְטְשְׁן, צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם דֶעם גְרוֹיסְן נֵס וָואס דוּ הָאסְט גֶעהַאט. זַיין נֵיי גֶעבּוֹירְן קִינְד אִיז גֶעוֶוען לַאנְגֶע וָואכְן אִין שְׁפִּיטָאל, עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרִית מִילָה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְ׳ן דָאקְטֶער **״פְרַייטָאג גֵיי אִיךְ אַהֵיים מִיטְ׳ן קִינְד״**, און דֶער דָאקְטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט ״דוּ גֵייסְט נִישְׁט אַהֵיים, דוּ בְּלַייבְּסְט דָא אוֹיף שַׁבָּת״, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְ׳ן דָאקְטֶער: **״דוּ וֶועסְט זֶען אִיךְ וֶועל נָאךְ אַהֵיים**

**גֵיין פַאר שַׁבָּת, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**", און בָּרוּךְ הַשֵׁם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן, דֶעם פְרַייטָאג אִיז עֶר אַהֵיים גֶעקוּמֶען מִיט זַיין קִינְד. דָאס זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְץ מֶער נִיסִים מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אִים.

## זַיינֶע קַשְׁיוֹת זֶענֶען אֵיין גְרוֹיסֶער תֵּירוּץ

דָאס זֶעט מֶען אִין דִי מַעֲשֶׂה ווִי דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דִי פֶערְד הָאט גֶעקְרֶעכְצְט און גֶעקְרֶעכְצְט אוֹיף זַיין בִּיטֶערְן צוּשְׁטַאנְד צוּ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען, אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ קְנֶעכְט, עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ קְרֶעכְצְן און הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס בֶּאֱמֶת זֶענֶען זַיינֶע קַשְׁיוֹת אֵיין גְרוֹיסֶער תֵּירוּץ; הָאסְט פַארְגֶעסְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן יָארְן צוּרִיק?! הָאסְט דָאךְ אַלֵיינְס דֶערְצֵיילְט אַז זַייעֶנְדִיג קֶענִיג הָאסְטוּ גֶע'רוֹדְפְ'ט אֵיינֶעם, הָאסְט יֶענֶעם גֶעמַאכְט אוּמְגְלִיקְלִיךְ, דֶערְפַאר דַארְפְסְטוּ יֶעצְט דָאס אַרִיבֶּער גֵיין כְּדֵי דָאס צוּ פַארֶרעכְטְן, אַלֶעס הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן הִימְל.

בַּיי נַאכְט אִיז אָנְגִיקוּמֶען דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד אוּן הָאט זֵיי גִיגִיבְּן עֶסִין אוּן טְרִינְקֶען.

## לוֹיפְן צוּם רֶבִּי'נְס סְפָרִים

בַּיי יֶעדֶע שׁוּרָה קֶען מֶען רֶעדְן און רֶעדְן פוּן דִי פִילֶע לִימוּדִים וָואס זֶענֶען מְרוּמָז אִין דִי מַעֲשֶׂה. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא אַז בַּיינַאכְט הָאט דֶער מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן און צוּ טְרִינְקֶען, דָאס מֵיינְט, בַּיינַאכְט - וֶוען עֶס גֵייט שְׁוֶוער פַאר אַ מֶענְטְשׁ דֶעמָאלְט דַארְף עֶר דֶעם רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט דַארְף עֶר דֶעם חִיזּוּק פוּן רֶבִּי'ן. ווִילַאנְג עֶס גֵייט גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט עֶר: "**וָואס דַארְף אִיךְ דֶעם רֶבִּי'ן, אִיךְ קֶען זִיךְ אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְּן**", אָבֶער וֶוען עֶס וֶוערְט נַאכְט, עֶר אִיז פַארְלוֹירְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט זַיין, דֶעמָאלְט דַארְף עֶר חִיזּוּק, דֶעמָאלְט לוֹיפְט עֶר צוּם רֶבִּי'נְס סְפָרִים.

אוּן זֵיי הָאבִּין דָארְט אִיבֶּער גִינֶעכְטִיגְט. אַקֶעגִין טָאג הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט דָאס גְרוֹיסֶע גִילֶעכְטֶער (הַנַּ"ל) בִּיז אַלֶע בֵּיימֶער הָאבִּין גִיצִיטֶערְט. סֶע הָאט גִיבְּרָאכִין אַלֶע בֵּיימֶער (דָאס קוֹל פוּן דֶעם גִילֶעכְטֶער) הָאט עֶר אִים אָנְגִירֶעט (דְהַיְינוּ דֶער קְנֶעכְט הָאט אָנְגִירֶעט דֶעם אֶמֶתִין בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז זַיין הַאר) אַז עֶר זָאל פְרֶעגִין דֶעם מֶענְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד. וָואס דָאס אִיז.

## דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קַשְׁיוֹת

דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קַשְׁיוֹת, "**וָואס מֵיינְט דָאס?**" און "**וָואס מֵיינְט דָאס?**" אִים הָאט גָארְנִישְׁט גֶעאַרְט וַוייל עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, נָאר דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דִי פֶערְד הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאט קַשְׁיוֹת "**וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם?**" "**וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן יֶענְץ?**" דֶערְפַאר הָאט עֶר צוּגֶערֶעדְט דֶעם בֶּן מֶלֶךְ צוּ פְרֶעגְן.

הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט. וָואס אִיז דָאס אַזוֹי אַ גְרוֹיס גִילֶעכְטֶער נָאנְט צוּ טָאג. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. דָאס לַאכְט דֶער טָאג אוֹיס דֶער נַאכְט. וָוארִין דִי נַאכְט פְרֶעגְט דֶעם טָאג. פַארְוָואס אַז דוּ קוּמְסְט. הָאבּ אִיךְ קֵיין נָאמֶען נִיט. טוּט דֶער טָאג אַ גְרוֹיס גִילֶעכְטֶער. אוּן דֶערְנָאךְ וֶוערְט טָאג. אוּן דָאס אִיז דָאס גִילֶעכְטֶער וָואס מֶע הֶערְט נָאנְט צוּ טָאג.

## פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי צָרָה

בְּפַשְׁטוּת גֵייט דָאס אַרוֹיף אוֹיף דִי גְאוּלָה הָעֲתִידָה, וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי גְאוּלָה וֶועט וֶוערְן אַזַא שִׂמְחָה אַז מֶען וֶועט שׁוֹין נִישְׁט גֶעדֶענְקֶען דֶעם שְׁווֶערְן גָלוּת וָואס מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער. אָבֶּער אוֹיךְ גֵייט דָאס אַרוֹיף בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט זַיין פְּרִיוַואטְן גָלוּת, מִיט זַיין צָרָה וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, פְּלוּצְלִינְג וֶוען דִי יְשׁוּעָה קוּמְט אָן וֶוערְט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן דִי צָרָה.

## הָאסְט גֶעמֵיינְט דִי וֶועלְט עֶנְדִיגְט זִיךְ

דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע פֶּלֶא'דִיגֶע זַאךְ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרוֹיס פוּן אַ צָרָה גֶעדֶענְקְט עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט פוּן זַיין צָרָה, עֶר פַארְגֶעסְט דִי גַאנְצֶע שְׁוֶועריקַייט וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער, גֵיי פְרֶעג אַ אִינְגֶערְמַאן: "**גֶעדֶענְקְסְט וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ בָּחוּר ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר גֶעוֶוען?**" "**גֶעדֶענְקְסְט ווִי פַארְיָאר, פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק, הָאסְטוּ גֶעמֵיינְט דִי וֶועלְט עֶנְדִיגְט זִיךְ, הָאסְט גֶעמֵיינְט אַז דוּ גֵייסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין פַּרְנָסָה?**" אַזוֹי אִיז עֶס, מֶען פַארְגֶעסְט, וֶוען עֶס וֶוערְט טָאג וֶוערְט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן דִי נַאכְט.

## בִּיז פַאשְׁקֶעווִילְן...

בַּיי יֶעדֶע מֶענְטְשׁ אִיז עֶס אַזוֹי, וֶוען עֶס וֶוערְט טָאג, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי צָרָה, וֶוערְט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן דִי נַאכְט, מֶען הֵייבְּט אָן צוּרִיק טְרַאכְטְן אוֹיף אַלְטֶע מַעֲשִׂיוֹת: "**דָאס אִיז בִּכְלַל גֶעוֶוען אַ נִסָיוֹן?!**" נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט מַיין חַבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר, הָאט עֶר מִיר דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט זִיךְ לֶעצְטְנְס דֶערְמַאנְט, אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט יָארְן צוּרִיק וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִינְאֵיינֶעם בְּחַבְרוּתָא, אִיךְ הָאבּ אִים דֶערְצֵיילְט וָואס אִיךְ גֵיי אַלְץ אַרִיבֶּער מִיט מַיין הִתְקָרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט "**אִיךְ בִּין גְרֵייט אוֹיף אַלֶעס - בִּיז פַאשְׁקֶעווִילְן, אוֹיבּ וֶועט מֶען אוֹיסְוַוארְפְן אִין אַלֶע גַאסְן פַאשְׁקֶעווִילְן קֶעגְן מִיר - דָאס וֶועל אִיךְ נִישְׁט קֶענֶען פַארְנֶעמֶען**", און בָּרוּךְ הַשֵׁם הַיינְט בִּין אִיךְ דָאס שׁוֹין אוֹיךְ אַרִיבֶּער, מֶען הָאט אַסַאךְ מָאל אוֹיסְגֶעוָוארְפְן פַאשְׁקֶעווִילְן קֶעגְן מִיר אִין אַלֶע גַאסְן... אַזוֹי אִיז עֶס, בִּשְׁעַת דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אִין דִי צָרָה, קוּקְט עֶס אוֹיס ווִי עֶר קֶען עֶס נִישְׁט פַארְנֶעמֶען, עֶס קוּקְט אוֹיס עֶק וֶועלְט, אָבֶער וֶוען דָאס שְׁוֶועריקַייט גֵייט אַרִיבֶּער, עֶס וֶוערְט שׁוֹין טָאג, דֶעמָאלְט קוּקְט מֶען צוּרִיק אוֹיף דִי אַלְטֶע צָרוֹת מִיט וואוּנְדֶער "פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ בִּכְלַל גֶעוֵויינְט? וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי צָרָה? פַארְוָואס אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ נֶעמֶען?"

## אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער

וֶוען אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז אַרַיין בַּיי אוּנְז אַ שְׁרֶעק: "אֶפְשָׁר וֶועלְן מִיר נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער", מַיין וַוייבּ הָאט גֶעוֵויינְט און גֶעוֵויינְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט מוֹהֲרָא"שׁ וָואס זָאל מִיר מְחַזֵק זַיין, וִויפִיל מִיר הָאבְּן פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ בַּארוּאִיגְן אַז מִיר וֶועלְן נָאךְ הָאבְּן קִינְדֶער אִיז אַלְץ אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אִין גֶעדַאנְק דֶער שְׁרֶעק: "דֶער הָאט נִישְׁט קִינְדֶער און יֶענֶער הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעמֵיינְט זֵיי וֶועלְן הָאבְּן קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען, אֶפְשָׁר וֶועלְן מִיר זַיין אַזוֹי ווִי זֵיי..." מִיר הָאבְּן גֶעהַאלְטְן בְּלוֹיז אַ יָאר צְוֵויי נָאךְ דִי חֲתוּנָה און עֶס אִיז מַמָשׁ גֶעוֶוען 'נַאכְט'. בָּרוּךְ הַשֵׁם נָאכְדֶעם וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן טָאג, מִיר זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, קֶענֶען מִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין 'וָואס אִיז גֶעוֶוען פְּשַׁט פוּן דִי נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת וָואס מִיר הָאבְּן

גֶעטְרַאכְט? עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין זִין׳.

## אַ ׳נַאכְט׳ אִין קָאפּ

צוּמָאל קוּמְט אַרַיין אַ ׳נַאכְט׳ אִין קָאפּ, דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: **״אֶפְשָׁר פִיל אִיךְ נִישְׁט גוּט, אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעזוּנְט״**, דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט זִיךְ אָן, עֶר פִילְט שׁוֹין ווִי עֶר פַאלְט אַרָאפּ... אָדֶער טְרַאכְט עֶר: ״**אִיךְ גֵיי נִישְׁט הָאבְּן קֵיין פַּרְנָסָה**״, ״**אֶפְשָׁר גֵייט עֶפֶּעס גֶעשֶׁען מִיט מִיר**״, ״**אֶפְשָׁר גֵייט דִי ווֶעלְט חָרוּב ווֶערְן**״. פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן דִי אַלֶע נַארִישֶׁע סָארְט מַחֲשָׁבוֹת? דָאס אִיז נָאר ווִילַאנְג דִי מַחֲשָׁבוֹת בּוּזְשֶׁעוֶוען אִין קָאפּ, אָבֶּער בַּייטָאג - ווֶען דֶער שְׁרֶעק לָאזְט נָאךְ, וואוּנְדֶערְט מֶען זִיךְ: ״**פַּארְוָואס הָאבּ אִיךְ דָאס גֶעטְרַאכְט? פַּארְוָואס הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת?**״ דָאס אִיז דִי קַשְׁיָא וָואס דִי נַאכְט פְרֶעגְט פוּנֶעם טָאג: ״**פַּארְוָואס אַז דוּ קוּמְסְט הָאבּ אִיךְ קֵיין נָאמֶען נִישְׁט? פַּארְוָואס פַּארְגֶעסְט מֶען אַזוֹי שְׁנֶעל פוּן דִי צָרָה?**״ הֵייבְּט דֶער טָאג אָן צוּ לַאכְן אוּן עֶס ווֶערְט טָאג.

אִיז דָאס בַּיי אִים אַ גְרוֹיס ווִינְדֶער גִיוֶוען. ווָארִין דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ ווִילְדֶע זַאךְ. אַז דֶער טָאג לַאכְט אוֹיס דֶער נַאכְט (פְרֶעגִין ווַייטֶער הָאט עֶר שׁוֹין נִיט גִיקֶענְט. אַז יֶענֶער עֶנְפֶערְט אַזוֹי אַ לָשׁוֹן).

## אַ שָׁאד צוּ ווֶעלְן פַארְשְׁטֵיין

דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דִי פֶערְד הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעווּאוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם עֶנְטְפֶער, אָבֶּער עֶר הָאט גָארְנִישְׁט ווַייטֶער גֶעקֶענְט פְרֶעגְן, וָואס זָאל עֶר יֶעצְט פְרֶעגְן, אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעעֶנְטְפֶערְט וָואס דֶער גֶעלֶעכְטֶער אִיז, אַז דֶער טָאג לַאכְט אוֹיס דֶעם נַאכְט; ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט צוּ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס עֶר זֶעט ווֶעט עֶר אַלֶץ בְּלַייבְּן מִיט קַשְׁיוֹת, דֶערְפַאר זוּךְ נִישְׁט צוּ פַארְשְׁטֵיין, עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ ווֶעלְן פַארְשְׁטֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט סֵיי ווִי דִי ווֶעלְט אוּן מֶען דַארְף עֶס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

אִין דֶער פְרִיא אִיז ווִידֶער דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. אוּן זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיגֶעסִין אוּן גִיטְרִינְקֶען. בַּיינַאכְט אִיז עֶר ווִידֶער גִיקוּמֶען. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיגֶעסִין אוּן גִיטְרוּנְקֶען אוּן הָאבִּין גִינֶעכְטִיגְט דָארְט.

## בְּלַייבְּן בַּיים צַדִיק בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט

אַזוֹי גֵייט עֶס, בַּיינַאכְט, ווֶען עֶס גֵייט שְׁלֶעכְט, שְׁפִּירְט דֶער מֶענְטְשׁ ווִי עֶר דַארְף דֶעם רֶבִּי׳ן, אָבֶּער אִינְדֶערְפְרִי, ווֶען עֶס ווֶערְט שׁוֹין אַלֶעס גוּט, טְרַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ ׳אִיךְ דַארְף שׁוֹין נִישְׁט דֶעם רֶבִּי׳ן, אִיךְ קֶען זִיךְ שׁוֹין אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְּן׳. דֶער חָכְמָה אִיז צוּ בְּלַייבְּן בַּיים צַדִיק בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, סֵיי ווֶען עֶס גֵייט גוּט, סֵיי ווֶען עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט, זָאל מֶען ווַייטֶער אָנְהַאלְטְן אוּן פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

## חֲסִידִ׳ישֶׁע אִינְגֶעלַייט מִיט ווַייסֶע זָאקְן

הַיינְט אִיז מִיר אַזַא שִׂמְחָה, מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט ׳סֵפֶר בְּרֵאשִׁית׳. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מֶען פָאלְגְט מוֹהֲרַ״ן׳ש וָואס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אוּנְז מִיר זָאלְן יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי ווַייטֶער, גֶעדוֹיעֶרְט עֶס אִינְגַאנְצְן אַפָּאר מִינוּט אַ טָאג. אִיךְ ווַייס נִישְׁט צִי עֶס אִיז דָא נָאךְ אֵיין בֵּית הַמִּדְרָשׁ וָואס דִי גַאנְצֶע בֵּית הַמִּדְרָשׁ הָאט גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְץ סֵפֶר בְּרֵאשִׁית; עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם חֲסִידִ׳ישֶׁע אִינְגֶעלַייט, מִיט ווַייסֶע זָאקְן, הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט סֵפֶר בְּרֵאשִׁית?! עֶר ווֵייסְט נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, ״עֶה״, ״בֶּע״, ״**אִיךְ ווֶעל עֶס נָאךְ מַשְׁלִים זַיין...**״ דוּ בִּיסְט נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה! אָבֶּער אַז מֶען פָאלְגְט מוֹהֲרַ״ן׳ש עֶנְדִיגְט מֶען גַאנְץ חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה.

## מֶען ווֶערְט אַזוֹי פְרִישׁ אוּן פְרֵיילִיךְ

לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, אַבִּיסְל גְמָרָא; גֵיי אַבִּיסְל ׳הִתְבּוֹדְדוּת׳ - אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַפָּאר מִינוּט, בַּאקוּמְט מֶען אַזַא מִין יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען ווֶערְט אַזוֹי פְרִישׁ אוּן פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אוֹיךְ כֹּחַ צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִין שְׁטוּבּ.

## צֶערוּדֶערְט אוּן צֶעפָּארְן

אַ בָּחוּר ווִי צֶערוּדֶערְט אוּן צֶעפָּארְן עֶר זָאל זַיין - אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם, עֶר אִיז אַ זַאךְ פַאר זִיךְ, עֶר הָאט מִיט קֵיינֶעם גָארְנִישְׁט, עֶר קֶען נֶעלָם ווֶערְן, עֶר קֶען אַרַיין גֵיין אִין בֶּעט אָדֶער אִין אַ לָאךְ פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג, עֶר קֶען אַוֶועק פָארְן וואוּ עֶר ווִיל, עֶר דַארְף מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט מִיט טֵיילְן זַיין לֶעבְּן, אָבֶּער נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ דַארְף דָאךְ לֶעבְּן מִיט מַיין ווַייבּ, אוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט מְיוּשָׁב, אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּאזֶעסְן, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַהֵיימְגֵיין מַאכְן מְיוּשָׁב מַיין ווַייבּ? מַיין אֵייגֶענֶער קָאפּ דְרֵייעדְט זִיךְ מִיר, אִיךְ אַלֵיינְס בִּין נִישְׁט מְסוּדָר, אִיךְ הָאבּ טוֹיזְנְט סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים אִין פַּרְנָסָה אוּן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַהֵיימְגֵיין צוּ מַיין ווַייבּ?

## מֶען ווֶערְט מְיוּשָׁב

אָבֶּער אַז מֶען פָאלְגְט דִי עֵצוֹת פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד, מֶען לֶערְנְט אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מֶען לֶערְנְט אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת אוּן מֶען גֵייט אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, ווֶערְט מֶען מְיוּשָׁב, נָאכְדֶעם קֶען מֶען שׁוֹין מְחַזֵּק זַיין דִי ווַייבּ, נָאכְדֶעם קֶען מֶען שׁוֹין פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִינְדֶערְהֵיים.

## מֶען בַּאקוּמְט כֹּחוֹת הַנֶּפֶשׁ

אַז מֶען טוּט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן בַּאקוּמְט מֶען כֹּחוֹת הַנֶּפֶשׁ, מֶען קֶען אַלֶעס פַארְנֶעמֶען, מֶען קֶען פַארְנֶעמֶען דִי ווַייבּ, מֶען קֶען פַארְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער, מֶען הָאט גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער. דָאס אִיז יֶעצְט עִנְיָנֵי דְיוֹמָא, וָואס אַסַאךְ עֶלְטֶערְן זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים, זֵיי זֶענֶען פַארְקִילְט, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי עֵצוֹת פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד, דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, וָואס לֶערְנְט אוֹיס דִי עֵצָה פוּן גֵיין אַבִּיסְל אִין וַואלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען מֶען אַלֶעס דוּרְכְגֵיין.

## אוֹיסְוָוארְטְן דִי יְשׁוּעָה

מֶען קֶען אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת, מֶען קֶען דוּרְכְגֵיין אַלֶע שְׁלֶעגְן אוּן עֶגְדִיסְן, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען צוּם שְׁטוּבּ פוּן צַדִיק, דֶער עִיקָר אִיז נָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, הָאבְּן גֶעדוּלְד אוֹיסְצוּוָוארְטְן דִי יְשׁוּעָה, אוּן זֶען וָואס אִיךְ קֶען יֶעצְט טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶץ בְּלַייבְּן מִיטְ׳ן מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד, אֲפִילוּ ווֶען עֶס ווֶערְט טָאג; מִיר זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם רֶבִּי׳ן אוּן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, ווֶעלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: ״**שַׁבַּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ**״.